

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה א׳** הר"ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי"ו

# שאלות אויף פרשת וירא

| | |
|---|---|
| **א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** | וירא. |
| **ב. וואס איז טייטש וירא ?** | דער אייבישטער האט זיך באוויזן. |
| **ג. צו וועמען ?** | צו אברהם אבינו. |
| **ד. פארוואס ?** | ווייל ער איז געווען קראנק. |
| **ה. וואס טוט מען ווען מען הערט אז איינער איז קראנק ?** | מען גייט איהם באזוכן. |
| **ו. און וואס וואונטשט מען איהם אן ?** | אַ רפואה שלימה. |
| **ז. און וואס האט מען ?** | אַ גרויסע מצוה. |
| **ח. ווי אזוי הייסט די מצוה ?** | ביקור חולים. |
| **ט. אברהם אבינו איז געלעגן אין בעט ?** | ניין. |
| **י. נאר וואס האט ער געטוהן ?** | ער איז געזעצן ביי די טיהר. |
| **יא. פארוואס איז ער געזעצן ביי די טיהר ?** | ווייל ער האט געווארט צו זען מענטשן אריבער גיין, און ער זאל זיי קענען אריין רופן צו זיין שטוב. |
| **יב. און וואס וועלן די מענטשן מאכן ביי זיי שטוב ?** | עסן און טרינקען מיט אַ ברכה. |
| **יג. וועלכע מצוה האט אברהם אבינו ליב געהאט צו מאכן ?** | די מצוה פון הכנסת אורחים. |
| **יד. וויפיל טיהרן זענען געווען ביי אברהם אבינו'ס שטוב ?** | פיהר. |
| **טו. פארוואס איז יענע טאג נישט אריבער קיין מענטשן ?** | ווייל עס איז געווען אַ הייסע טאג. |
| **טז. וועמען האט די אייבישטער געשיקט צו אברהם אבינו ?** | 3 מלאכים פארשטעלט ווי מענטשן, איינער איז געווען פארשטעלט אויף א שיף קאפיטאן און איינער אויף א אראבער און איינער אויף א הענדלער וואס פארקויפט ברויט. |
| **יז. צו וואס זענען געקומען דריי ?** | 1) אויסהיילן אברהם אבינו ווייל ער איז געווען קראנק, 2) פארציילן פאר שרה אז זי גייט האבן אַ אינגל, 3) צו איבער דרייען די שטאט סדום. |




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

**מכינה א'** הר"ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי"ו

# המשך שאלות אויף פרשת וירא

**יח. וואס האט זיי אברהם געברענגט די ערשטע זאך ?**
וואסער זיך אפצוואשן די פוס.

**יט. וואס האט זיי אברהם געגעבן צו עסן און צו טרינקען ?**
ברויט מיט פיטער און מילעך.

**כ. די מלאכים האבן דאס געגעסן ?**
ניין, מלאכים עסן נישט, נאר זיי האבן זיך געמאכט ווי זיי עסן.

**כא. אוואו זענען די מלאכים נאכדעם געגאנגען ?**
צו די שטאט סדום.

**כב. פארוואס האט דער אייבישטער איבער געדרייט סדום ?**
ווייל זענען געווען שלעכטע מענטשן.

**כג. וואס האבן די שלעכטע מענטשן פון סדום געמאכט ?**
זיי האבן גענומען אַ ווארלע מיידל, און איהר אנגעשמירט מיט האניג, און איהר ארויפגעלייגט אויפן דאך, און די בינען האבן איהר געציפט ביז זי איז געשטארבן.

**כד. וואס האט די ווארלע מיידל געמאכט ?**
זי האט געגעבן עסן פאר אַ ארימאן.

**כה. וואס האט זיי די אייבישטער באשטראפט ?**
געשיקט אַ מלאך ער זאל איבער דרייען די גאנצע שטאט סדום.

**כו. ווער האבן מלאכים ארויס גענומען פון סדום ?**
לוט מיט זיינע קינדער.

**כז. וואס האט די מלאך געזאגט פאר לוט און זיין משפחה ?**
אז זיי זאלן נישט קוקן ווי אזוי די שטאט סדום ווערט איבער געדרייט.

**כח. ווער האט יא געקוקט ?**
לוט'ס ווייב.

**כט. וואס איז זי געווארן ?**
אַ שטיק זאלץ.

**ל. וואס איז געבוירן געווארן ביי אברהם אבינו מיט שרה ?**
אַ אינגלע, [אזוי ווי דער מלאך האט זיי געזאגט].

**לא. און ווי אזוי האט ער געהייסן ?**
יצחק.

**לב. און וואס האט מען געוואונטשן פאר אברהם מיט שרה ?**
מזל טוב, און אסאך נחת.

*בברכת אַ גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער*

*המלמד*



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

**מכינה א׳** הר״ר נפתלי יעקב פאלאטשעק הי״ו

## בנוסף לשאלות הנ״ל סיפרנו השבוע:

- הקדמה מפרשת לך לך: שהשי״ת הוסיף אות ה׳ לאברם ונקרא בשם אברהם והי׳ אברהם מפרסם לכל העולם מציאות ה׳ ואמונתו והי׳ מגייר אנשים ע״י מדת החסד בהכנסת אורחים (סיפרנו בהרחבה) וכך היה מכניסם תחת כנפי השכינה, והי׳ לו ארבעה פתחים שכל עובר דרך יראה הפתח.

- הקב״ה בא לבקר את החולה, מצות ביקור חולים לומדים מהקב״ה והמצוה הוא לעזור לחולה בהצטרכותו ולהתפלל עליו ולבקש רחמים שהקב״ה ישלח לו רפואה מן השמים.

- הקב״ה לא רצה להטריחו באורחים לכן הוציא חמה מנרתיקה וכשראה ה׳ את צערו שלח ג׳ מלאכים בדמות אנשים מיכאל גבריאל רפאל וכ״א בשליחותו.

- אנשי סדום היו רעים וחטאים, המלאכים באו אל לוט ואנשי סדום בקשו מלוט שיוציא האנשים מביתו ולוט לא רצה ויגשו לשבור הדלת והכו אותם השי״ת במכת עוורון, וה׳ המטיר על סדום וכו׳, המלאכים אמרו להם לא להביט מאחור על העיר סדום ואשת לוט לא שמעה בקולם והביטה על העיר ותהי נציב מלח.

**__מהנעשה ונשמע בחדר:__**

- **ביום שלישי השתתפו הילדים שיחיו בשמחת החאלאקע של הילד יחיאל פייערווערגער נ״י בן הר״ר משה ישראל הי״ו, ויה״ר שיגדל בתורה ויר״ש וירוו הוריו ממנו רב תענוג ונחת.**

***ניגון*: *סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל...***

**השבוע היה ה״שבת טאטע״**

תלמידינו היקר

כמר **אלימלך בערקאוויטש** נ״י

**__ברכת מזל טוב__**

לתלמידינו היקר כמר **מנחם לאנדא** נ״י

לרגל שמחת הבר מצוה של אחיו שיחי׳